מעשׂות פֿאַר יודישע קינדער ב' 2

# די פֿאָהן

## א.

קינדער! איך וועל אייך דערצעהלען א מעשה מיט א פֿאָהן. ווי אזוי איך, איין אָרעמאַנ'ס א יונגעל, האָב בעקומען אויף שמחת־תורה א פֿאָהן, ווי שווער זי איז מיר אָנגעקומען און ווי גרינג איך האָב זי פערלאָרען. גאָט האָט מיך געשטראָפט, איך האָב זי אויס־געקרענקט...

אז איך בין געווען א קליין יונגעלע, אזוי ווי איהר, האָט מען מיך גערופען „ט אָ פּ ע ל ע ט ו ט א ר י ט ו", דאָס הייסט: „קאָפּעלע קוקאריקו". ווייסט איהר, פאר וואָס? ווייל, ערשטענס, האָב איך געהאַט א דין קוויטשיג קול'כעל, ווי א יונג האָהנעכעל, וואָס האָט נאָר־וואָס אָנגעהויבען צו קרעהען, און, צווייטענס, האָב איך ניט געקאָנט אויסרעדען קיין „קוף" און קיין „כף" און קיין „גימל". און ווי אויף צו־להכעיס האָט מיין טאַטע בעדאַרפט הייסען קלמן, מיין מאַמע — גיטעל קלמנ'ס, איך — קאָפּעל גיטעל קלמנ'ס, און דער רבי — גרשון גאָרגעל דרדקי פון גאַלאַגאַניעווקע.

— יונגעלע! ווי אזוי רופט מען דיך?

— מיך? טאָפּעל דיטעל טלמנ'ס...

— העכער אביסעל!

— טאָפּעל דיטעל טלמנ'ס!...

— נאָך העכער!

איך שריי הויך, אויף א קול:

— טאָ־פּעל! די־טעל! טל־מנ'ס!

— און ביי וועמען לערנסט דו?

— ביי וועמען לערען איך? ביי דרשון דאָרדעל דרדטי פון דאַלאַדאַניעווטע!...

דער עולם לאַכט.

דער עולם לאַכט — און איך וויין.

איך וויין נישט פון דעם, וואָס מע לאַכט פון מיר, נאָר דער־פאַר, וואָס מע שלאָגט מיך. איטליכער, ווער עס האָט נאָר אין הארצען, דער שלאָגט מיך: דער טאַטע, די מאַמע, די שוועסטער, דער רבי, די תלמידים. מע לעהרענט מיך, איך זאָל רעדען, „ווי א מענטש"...

דער רבי האָט מיר איינמאָל אריינגעזעצט א „שפּריינזהעלצעל" און האָט געהייסען די תלמידים, זיי זאָלען מיר שפּייען אין מויל אריין, — טאָמער וועט דאָס זיין א רפואה... האָט זיך אריינגעמישט רב זיאַמע דער סטאָליער, וואָס איז געזעסען מיט'ן רבי'ן אונטער איין דאָך.

— וואָס מוטשעט איהר א קינד נעבאך אומזיסט־אומנישט? אָט לאָזט מיך אויף איין מינוט, וועט איהר זעהען, אז ביי מיר וועט ער רעדען, „ווי א מענטש"...

אזוי זאָגט רב זיאַמע דער סטאָליער, רופט מיך צו, נעמט מיך אָן פאַר'ן בערדעלע און מאַכט צו מיר אזוי:

— קוק אויף מיר, יונגעלע, און זאָג מיר נאָך וואָרט ביי וואָרט: „אָץ קוצץ — בן קוצץ — קצוצי — לקצץ"...

איך קוק אויף איהם און זאָג איהם נאָך וואָרט ביי וואָרט: „אָת טוצץ — בן טוצץ — טצוצי — לטצץ"...

— נישט אזוי! — מאַכט רב זיאַמע. — דו קוק מיר גלייך אין מויל אריין און זאָג מיט מיר אינאיינעם: „יומם השמש לא יככה וירח בלילה"...

איך קוק איהם גלייך אין מויל אריין און זאָג מיט איהם איני־איינעם: „יומם השמש לא יטטה וירח בלילה"...

— ניין, נאַרעלע, — זאָגט צו מיר רב זיאַמע — דו זאָג ניט יטטה; זאָג בעסער: יככה! יככה! יככה!

— יטטה! יטטה! יטטה!...

רב זיאַמע טהוט א מאַך מיט דער האַנד:

— ווייסט איהר, וואָס איך בין דערגאַנגען? ארויסגעוואָרפען די טרחה! איהם וועט שוין קיין טאַטער אויך ניט העלפען. איין אייביגער קאַליקע!

# THE FLAG

Children, I'm going to tell you a story about a flag: How a poor boy like me got a flag for Simkhas Torah, how hard I came by it, and how I was destined easily to lose it.

When I was a small boy like you I was called "Topele Tot-trow"—that is, "Kopele Cock-crow." Why? Because first of all I had a thin squeaky voice, like a young rooster who has just begun crowing, and secondly I could not pronounce "k" or "g." And as if on spite, my father was named Kalman, my mother Gitl, my Talmud Torah teacher Gershon the Chicken-gullet from Galaganyevka—and I was known as Kopel, Gitl-Kalman's son.

"Sonny! What's your name?"

"Who me? Topel, Ditel-Talman's son."

"Louder."

"Topel, Ditel-Talman's son."

"Still can't hear you."

I yell out loud: "To-pel . . . Di-tel . . . Tal-man's son."

"And who's your teacher?"

"My teacher? Dershon the Chitten-dullet from Daladan-yevta."

And everyone burst out laughing.

Everyone laughed—and I cried.

I cried not because people laughed, but because they beat me. Everyone under the sun thought it a good deed to beat me: my father, my mother, my sisters, my teacher, my class-mates. They all tried to get me to talk properly.

My teacher once depressed my tongue with a stick and ordered everyone in the class to shout down my throat in the hope it would act as a medicine. But before they had a chance to carry this out, Reb Zyama the joiner, my teacher's neighbor, intervened and said:

"Why are you tormenting this poor child? What has he done? Just give him to me for a minute and I'll have him talking properly in no time."

Reb Zyama then beckoned to me, held my chin and said: "Look me in the eye, my boy, and repeat after me, word for word. A kid can't catch a cat."

I looked him in the eye and repeated after him, word for word: "A tid tan't tatch a tat."

"Not like that," said Reb Zyama. "Just watch my lips and say: In the beginning God created the heaven and the earth."

I watched his lips and said: "In the bedinnind Dod treated the heaven and the earth."

"No, silly one!" said Reb Zyama. "Don't say Dod, say God! God! God!"

"Dod! Dod! Dod!"

Reb Zyama threw up his hands. "You know what I've just discovered? It's a waste of time and effort. Even black magic won't help him. He's a hopeless case."

— וואָס געהער זיך אָן מיט דיר שכר־למוד? — זאָגט דער יצר־הרע. — קויף דיר בעסער א פייפעלע פון ווייסע לעהם מיט רויטע פינטעלעך, א מעסערעל א שאַרפס מיט צוויי קלינגלעך און מיט א מעשענעם קאַסטען, אָדער גאָר א בייטעלע מיט א גוט שלעסעל.

— וואָס וועסט דו האַלטען אינ'ם בייטעלע? — זאָגט דער יצר־טוב. — דעם דלות?

— קנעפּלעך! — זאָגט דער יצר־הרע. — וועסט אָנשטופּען א פול בייטעלע מיט קנעפּלעך, וועט מען מיינען, אז ס'איז געלד, וועלען דיר אַלע יונגלעך מקנא זיין...

— וואָס וועט דיר אַרויסקומען פון דעם? — זאָגט דער יצר־טוב. — אָט פאָלג מיך, צעטייל גאָר דאָס געלד פאַר אָרעמע לייט, טהו צדקה, וועסט דו פאַרדינען א מצוה. אָרעמע לייט געבאַך געהען־אויס פון הונגער.

— אָרעמע לייט? — זאָגט צו מיר דער יצר־הרע. — ביזט אַליין איין אָרעמאַנ'ס א יונגעל. ביזט אַליין תמיד הונגעריג. איטליכער איז א ותרן אויף יענעם. פאַר וואָס האָט דיר קיינער ניט געגעבען, אז ד ו האָסט ניט געהאַט, נישט היינט געדאַכט?...

ד.

שיער־שיער האָט מיך דער יצר־הרע איינמאָל ניט איבערגערעדט.

אין חדר האָב איך געהאַט א חבר — יואַליק, א נגיד'ס א יונגעל. ער פלעגט האָבען תמיד פולע קעשענים מיט גוטע זאַכען. נאָר יענעם געבען האָט ער פיינט געהאַט; מע זאָל זיך אויסציהען פאַר איהם — נישט א שמעק! פּלוצים האָט זיך יואַליק עפּיס אָנגעהויבען צו מיר שטאַרק צושאַרען, צושמייכלען, געוואָרען מיט מיר חבר — די נשמה!

— דו ווייסט? — מאַכט ער צו מיר. — ביזט א וואויל יונגעל, ווי א ך בין א איד. איך האָב דיך ליעב נאָר דערפאַר, וואָס דו האָסט פיינט בעטלען, אַזוי ווי אַנדערע: „געב מיר א שטיקעלע! געב מיר א פּיצעלע!" אָנקוקען קאָן איך ניט אָט די בעטלערס!... א שטיקעל קאָנפעקט ווילסט דו?

— א שטיקעל טאָנפעט? — זאָג איך. — פאַר וואָס ניט?

— נו, — זאָגט ער — און ניסלעך א צוויי וואָלסט דו געקנאַקן?

— ניסלעך? — זאָג איך — פאַר וואָס ניט? איך זאָל האָבען, וואָלט איך דעטנאַטט.

יואַליק לעגט אַריין די האַנד אין קעשענע. איך מיין, אז דאָס נעמט ער אַרויס און גיט מיר. צום סוף רופט ער זיך אָן צו מיר:

— איך וועל דיר געבען מאַרמעלאַד א האַלב שטיקעל און ניסלעך דריי... אויב דו וועסט זיך מיט מיר בייטען. וועסט זיך בייטען?

— בייטען? — זאָג איך. — מיט וואָס וועלען מיר זיך בייטען?

— איך וועל דיר — זאָגט ער — געבען דאָס מעסערעל מיינס. דו ווייסט דאָך מיין ווייס מעסערעל? איין אמת'דיגס, א זאוויאַלאָווס!

א חידוש אביסעל, אויב איך ווייס יואַליק'ס מעסערעל! ווער ווייסט ניט יואַליק'ס מעסערעל? וויפיעל מאָל האָב איך איהם דערויף מקנא געווען! וויפיעל מאָל האָב איך דאָס געזעהן אין חלום!...

— נו, און איך? — זאָג איך. — וואָס זאָל א י ך דיר געבען דערפאַר?

— און דו — זאָגט ער — וועסט מיר געבען דיין זילבערנעם פערציגער.

— נעם! — זאָגט צו מיר דער יצר־הרע. — נעם, ס'איז איין אַנטיק פון א מעסערעל. אַלע יונגלעך וועלען דיר מקנא זיין...

איך וויל אַרויסנעמען געלד; נאָר באַלד פאַרכאַפּ איך מיך.

— א חכם א איד! — זאָג איך. — פאַר א פערציטער טאָן מען שוין טויפען א ניי מעסערעל.

— אָט אַזא מעסערעל? — זאָגט יואַליק. — פּורים נאָכ'ן קאַלטען קוגעל!... שאַ, ווייסט דו נאָר וואָס? איך געב דיר צו א האַלב טוץ קנעפּלעך ביינערנע.

— פאַר געלט — זאָג איך — טאָן מען טויפען צעהנטויזענד טוץ טנעפּלעך.

nicer to lend those few kopecks to your mother. She can certainly put them to good use."

"Some brain you are!" I said. "Then it's as dood as lost. How will she ever repay me?"

"She works her fingers to the bone, poor thing," said the Good Impulse, "and pays for your schooling."

"What do you care about schooling?" interrupted the Bad Impulse. "You'd be better off buying yourself a red polka-dotted whistle, a sharp two-blade penknife in a brass box, or a purse with a neat little lock."

"What'll you keep in the purse," asked the Good Impulse, "your poverty?"

"Buttons!" said the Bad Impulse. "You'll stuff your purse with buttons. Everyone will think it's money and then all the kids'll be jealous of you."

"What good'll that do you?" said the Good Impulse. "Listen to me. Distribute the money among the poor. Give it to charity and you'll get credit for a pious deed. Some of the paupers are starving, poor souls."

"Paupers?" The Bad Impulse turned to me. "You yourself are a pauper's son. You yourself are always hungry. Everybody's always generous with the next fellow's cash. Why didn't anyone ever give *you* anything when you were broke?"

4

One time the Bad Impulse nearly got the best of me. At school I had a friend—Yulik, a rich man's son. His pockets were always full of goodies. But he hated sharing them with anyone. You could stretch out and croak in front of him and he still wouldn't give you a whiff. One day Yulik began worming his way into my good graces. He buddied up to me, all smiles. Became a bosom pal.

"You know what?" he said to me. "I swear you're a good kid. You hate to beg like the others. I like you for that alone. They're always saying, 'Gimme a piece! Gimme a hunk!' I can't stand the sight of those grubbers. . . . Want a piece of candy?"

"A piece of tandy?" I said. "Why not?"

"How about cracking a couple of nuts?"

"Nuts? Sure!" I said. "I'd love to trat a touple of nuts."

Yulik put his hand into his pocket. I thought he was getting ready to give me the treats. Instead, he said: "I'll also give you some jam and three more nuts if you swap with me. Would you like to swap?"

"Swap!" I said. "Swap what?"

"I'll also give you my penknife," he said. "You know my white knife, don't you? It's the best there is. There's none better to be had."

What a question! Did I know Yulik's knife? Who didn't? I'd been envious of it long enough. How often had I seen it in my dreams!

"Well, but what about me?" I said. "What do you want *me* to div *you?*"

"You," said he, "give me that silver forty-kopeck piece."

"Do it," said my Bad Impulse. "It's a dream of a knife. All the kids'll be green with envy."

I was about to take out the coin, but caught myself at the last minute.

"You're some wise duy," I said. "For forty topets I tan buy a brand-new knife."

"Like mine?" said Yulik. "Nonsense! Wait a minute. You know what? I'll throw in half a dozen pure-bone buttons."

"For money," I said, "one tan buy ten thousand dozen bone buttons."

— נו, — זאָגט ער — און קאָנפּעטען און ניסלעך איז קיין געלט ניט? איך זאָג דיר צו, אַלע מאָל, ווען דו וועסט בעטען, געב איך דיר, ווי איך בין אַ איד. אָט האָב איך אַ צוויאַק איין אייזערנעם, זעהסט דו? — שענק איך דיר אַוועק דעם צוויאַק אומזיסט. דו זעהסט, וואָסער אַ צוויאַק?

— וואָס דאַרף איך — זאָג איך — צוויעטעס?

— ער וועט דיר — זאָגט ער — צונוץ קומען, נאַרעלע. קאָנסט איהם פאַרשלאָגען וואו דו ווילסט. קאָנסט מיט איהם אויסגראָבען אַ גריבעל.

— וואָס דאַרף איך — זאָג איך — דראָבען דריבלעך?

— איך וועל דיך — זאָגט ער — לאָזען דאַווגען אין מיין סידור'על.

— וואָס דאַרף איך — זאָג איך — דאַווגען אין פרעמדע סידורים?

— איך וועל דיר געבען — זאָגט ער — אָנמעסטען מיין שבת-דיג קאַשקעטעל.

— וואָס דאַרף איך — זאָג איך — מעסטען פרעמדע טאַש-טעטען?

— ווילסט דו ניט? נאַ-זשע דיר! — מאַכט יואליק און דער-לאַנגט מיר אַ בוכענצי אין זייט אַריין. — געפעלט אייך אביסעל אַ קבצנ'יוק? איך געב איהם אַזוי פיעל זאַכען: אַ מעסערעל, און קנעפּלעך, און קאָנפעקטען, און ניסלעך, און אַ צוויאַק, און אַ סידור'על, און אַ היטעלע אָנמעסטען — וויל ער נאָך ניט! אַ קבצנ'ישע קישקע — וויפיעל מע לעגט אין איהר ניט אַריין, איז ווינציג! ער מיינט, אַז ער האָט אַ זילבערנעם פערציגער, איז ער שוין אַ גאַנצער יאַ-טובי-דאַם! וואַרט אויס, טאָפּעלע טוטאַריטו, וועסט אַמאָל אָנקומען צו מיר, וועט דיר אויספּאַלען באָקאָם!... נחמיה! נאַ, איך שענק דיר אַוועק דעם צוויאַק!...

יואליק שענקט-אַוועק דעם צוויאַק נחמיה'ן (איין אָרעם יונגעל, וואָס הינקט אויף אַ פיסעל), און מיט מיר ווערד ער אויס חבר.

ה.

וועט איהר דאָך פרעגען: אויף וואָס פאָרט האָב איך געהאַלטען דאָס געלד?

ערשטענס, אויף ל"ג-בעומר צו דער סעודה. ל"ג-בעומר צו דער סעודה פלעגען אַלע קינדער ברענגען עפּיס אין חדר אַריין: ווער מזומן געלד, ווער איין עסענוואַרג, און ווער אַ נאַשעריי. נאָר איך איינער פלעג קומען מיט מיין שטענדיג אָנבייסען — אַ שטיקעל ברויט מיט קנאָבעל. עס פלעגט מיר פלאַמען דאָס פּנים; און האָטש אין קאָהן האָט מען מיך אַריינגענומען גלייך מיט אַלע יונג-לעך, נאָר געפיהלט האָב איך, אַז ס'איז מ צ ד ר ח מ נ ו ת — און ס'איז מיר ניט איינגעגאַנגען די שמחה... „אַצינד, האָב איך מיר געטראַכט, הער איך אייך אַלע מיט'ן קאָטער; איך בין, ברוך-השם, אַזאַ פאַרשוין, וואָס איך געה מיט מזומנים. ווי באַלד אַזאַ נגיד'ס אַ יונגעל, ווי יואליק, גיט צושטייער אַ פערטעלע, מעג איך געבען אַ קאָפּיקע, וואָרום וואָס בין איך אַקעגען איהם? אַ גאָרנישט! ווי איז אָבער דער דין, אַז איך געב אַ פיטאַקעל, בין איך יוצא? נו, געב איך טאַקי אַ גריווינקע — און ווייסט ווער איז קאָפּעל סר-קאַריקו!"...

און איך האָב אַריינגעבראַכט אין דער קאָראָבקע אויף ל"ג-בעומר צעהן קאָפּיקעס, דאָס איבעריגע געלאָזט אויף שפּעטער.

שפּעטער, זומער-לעבען, ס'איז אויפגעקומען גרינוואַרג, עס האָ-בען זיך בעוויזען פרישע אויבסטען ביי פּיראָנדיטשקי'ן אין די מול-טערלעך, איז געקומען ווידער אַ מאָל דער יצר-הרע.

— זעהסט — זאָגט ער — גרינע אַגרעסען? זעהסט, וואָסערע רויטע ווייַמפּערלעך?

— פון גרינע פּירות — זאָג איך — ווערען נאָר הייליג די ציינן.

— מאַך „שהחיינו", — זאָגט צו מיר דער יצר-טוב — שהחיינו איז אַ מצוה...

— שהחיינו — זאָג איך — וועל איך נאָך צייט האָבען צו מאַכען; דער זומער איז נאָך גרויס. עס וועט נאָך געהן אַ סדרה פון ווייַנשעל און פון פלאָמען, פון עפּעל און פון באַרען, פון דיניעס

"And aren't candy and nuts worth money? I swear I'll give them to you any time—all you got to do is ask. Here, I've also got an iron nail. See? I'll give it to you free. See what sort of nail this is?"

"What do I need nails for?"

"It'll come in handy, silly," Yulik said. "You can nail it down wherever you like. You can dig little holes with it."

"Why do I have to did little holes for?"

"I'll let you use my prayerbook."

"Why do I have to use other people's prayerboots for?"

"I'll let you try on my Sabbath hat."

"Why do I have to try on other people's hats for?"

"So you refuse, huh? Then take this," he said and punched me in the ribs. "The nerve of the little beggar. I give him so many things: a knife, buttons, candies and nuts, a nail, a prayerbook and a try-on of my hat. And he refuses them all. There's a beggarly belly for you. No matter how much you stuff it, it isn't enough. Just because he's got a silver forty-kopeck piece he thinks he's a big shot. Just you wait, Topele Tot-trow, if you ever come to me for anything, you'll regret it to your dying day. . . . Nekhemya! Here! Take this nail. It's yours as a present."

And Yulik gave the nail to Nekhemya (a poor lame boy) and broke off his friendship with me.

5

Actually, why did I hold on to the money? That's a good question.

First of all, I saved it for the Lag B'Omer party, when all the kids would bring something to school. Some would bring money, others food or goodies. But I was the only one who would bring his daily breakfast: a piece of bread and garlic. My face would burn with shame. Although I was always invited to the party along with everyone else, I had the feeling that it was out of pity and I didn't feel the joy of the holiday. But now, I thought, I can thumb my nose at all of you for, thank God, I possess ready cash. If a rich boy like Yulik chipped in a quarter of a ruble, then I certainly could throw in a kopeck, for what am I compared to him? A nobody! And five kopecks would *surely* be enough. But, actually, I planned on giving ten—let them know who Kopel Cock-crow is!

So I laid aside ten kopecks for the Lag B'Omer party and saved the rest for later.

Later, during the summertime when everything was green and fruits appeared in Pironditchky's stall, the Bad Impulse returned: "See! Green gooseberries! And look at those bright red currants!"

"Dreen fruit," I said, "sets your teeth on edge."

"Make the blessing over new fruit," said the Good Impulse. "It's a pious deed to do that."

"There's plenty of time for that blessind," I said. "The summer's lond enough. There still will be lots of cherries and plums, apples and pears, melons and watermelons. I thint I'll

און פון קאוויענעס... איך וועל בעסער איבערלאָזען דאָס געלד, אם ירצה השם, אויף סוכות — זיך קויפען אַ פאָהן.

און ס'איז געבליבען, איך זאָל איבערלאָזען דאָס געלד, אם ירצה השם, אויף סוכות — זיך קויפען אַ פאָהן.

## ו.

גאָט האָט געהאָלפען, דער סוכות איז געקומען, און איך האָב מיר געקויפט אַ פאָהן, אַ גרויסע, אַ געלע, אַ „צוויייזייטענדיגע".

פון איין זייט זענען געווען אויסגעמאָהלט צוויי חיות, וואָס האָבען געהאַט אַ פּנים פון קעץ, נאָר באמת זענען זיי געווען לייבען, מיט אָפענע מיילער און מיט לאַנגע צונגען. אויף די צונגען ביי זיי זענען געווען ארויפגעטהאָן פייפלעך, אפנים, שופרות, מחמת ס'איז געשטאַנען אָנגעצייכענט מיט גרויסע אותיות: בחצוצרות וקול שופר.

אונטען, אונטער די לייבען, איז געשטאַנען אויפגעשריבען פון דער רעכטער האַנד: דגל מחנה יהודה. פון דער לינקער האַנד: דגל מחנה אפרים.

דאָס האָט איהר ערשט איין זייט פאָהן. אויף דער אַנדערער זייט איז נעווען נאָך שענער. דאָרט זענען געשטאַנען אויסגע־מאָהלט די פּאָרטרעטען פון משה מיט אהרנ'ען, פינקטליך, ווי לעבעדיגע. משה מיט אַ גרויסען דאַשעק אויפ'ן שטערן, און אהרן מיט אַ גאָלדענער רייף אויף דער געלער פאַטלע. אין מיטען, צווישען משה מיט אהרנ'ען, — אַ גאַנצע חאַליאַסטרע אידעלעך, נעפּאַקט איינס אויף דאָס אַנדערע, מיט תורה'לעך אין די הענד. אַלע האָבען זיי איין פּנים, גלייך ווי איין מאַמע האָט זיי געהאַט: אַלע מיט לאַנגע אַליז איינע קאַפּאָטקעלעך, אַלע מיט שיך און זעקלעך און אַלע מיט גאַרטעלעך, אביסעל נידעריגער פון דער דיך... די אידעלעך הויבען פיס און זינגען: שישו ושמחו בשמחת תורה.

בעקומען אַ פאָהן, בעדאַרף מען קריגען אַ שטעקעל צו דער פאָהן.

דאָ מוז מען שוין אָנקומען צו רב זיאַמע דעם סטאָליר, טאַקי דער אייגענער רב זיאַמע, וואָס האָט אַמאָל זיך אונטערגענומען מיך אויסלעהרנען רעדען, „ווי אַ מענטש".

— וואָס וועסט דו עפּיס זאָגען, טאָפּעלע טוטאריטו?

— אַ שטעטעל צו דער פאָהן...

— וואָס הייסט — זאָגט ער — אַ שטעטעל?

— אַ שטעטעל — זאָג איך — פון אַ שטיטעל האָלץ, מע זאָל טאָנען טראָדען די פאָהן.

רב זיאַמע טרייבט מיט מיר אַזוי לאַנג קאַטאָוועס, ביז איך צעוויין מיך. דעמאָלט ווערד ער ווייך, וואַרפט־אוועק אַלע ארבייט, נעמט אַ שטיקעל האָלץ, אַ שניץ אַהער, אַ שניץ אַהין — פאַרטיג.

אַצינד פעהלט מיר נאָר איין עפּעל מיט אַ ליכטעל, געוויינט־ליך, פון וואַכס, ניט פון חלב, וואָרום חלב, אַז וועט ארויפקאַפּען אויפ'ן עפּעל, איז פערפאַלען דער עפּעל, מע וועט איהם נאָכדעם ניט קאָנען עסען... אָבער וואַכס מאַכט ניט אויס, וואַכס איז כשר.

נו, און וואַכס איז דאָך ביי מיר פאַרהאַן מעהר ווי ביי אַלע יונגלעך. אדרבה, אַ יונגעל, אַז ער בעדאַרף אַ שטיקעל וואַכס, צו וועמען קומט ער אָן? צו מיר! וואָרום מיין טאַטע איז דאָך אונ־טער־שמש אין אונטערשטען קלייזעל פון דער קצב'ישער קלויז, איז וואָס עס בלייבט נאָך יום־כפור פון די ליכט נעהער צו איהם — דאָס איז זיין הכנסה. ער שמעלצט דערפון „שמישים" צו די הנוכה־ליכטלעך, הבדלות און סטאַטשיקעס. און וואָס עס פאַלט־אָראָפּ פון די הבדלות מיט די סטאַטשיקעס נעהער צו מיר — דאָס איז מיין הכנסה.

הקיצור, איך האָב אַלסדינג, וואָס מע בעדאַרף!

## ז.

אַריינגעזעצט די פאָהן אינ'ם שטעקעל, אויפגעפּאַסט אויפ'ן שפּיץ אַ רויטען עפּעל און אָנגעצונדען פון אויבען דאָס וואַכסענע ליכטעל, לאָז איך מיך שמיני־עצרת אויף דער נאַכט אין שוהל אַריין, צו די הקפות, לעבעדיג־פרייליך, ווי אַ גליקליכער פּרינץ, ווי אַ בן־מלך, וואָס קיינער איז צו איהם ניט גלייך.



be better off savind the money for Simkhas Torah and buy myself a flad."

And I stuck to my decision.

## 6

Sukkos finally came, thank God, and I bought myself a large, yellow, two-sided flag. Painted on one side were two beasts with catlike faces—lions, really, with open mouths. Their long tongues were decorated with some sort of whistles, apparently rams' horns, for the biblical phrase *With trumpets and ram's horn* was printed next to the lions, and beneath them were the lines: *The flag of the Tribe of Judah*, and *The flag of the Tribe of Ephraim.*

And that was only one side of the flag. The reverse side was even prettier, for it had true-to-life portraits of Moses and Aaron. Moses wore a large vizor on his forehead and Aaron had a golden hoop over his yellow shock of hair. Between Moses and Aaron stood a host of Jews, crammed in tight against one another and holding Torah Scrolls in their hands. They all looked alike, as though one mother had borne them. All wore the same long gaberdines belted below their hips, and the same socks and shoes. And they all seemed to step forward and sing: "Be joyous and merry on Simkhas Torah."

Since I now had a flag, my next step was to get a stick for it. For this, the man to see was Reb Zyama the joiner, the very same Reb Zyama who once had tried to teach me to talk properly.

"Well, what's the good word, Topele Tot-trow?"

"A stit for the flad."

"What do you mean—a stit?"

"A stit," I said, "from a hunt of wood. So I tan tarry it."

Reb Zyama kept on making fun of me until I burst into tears. Then he softened up, cast aside all his work, took a piece of wood, whittled it once, twice—and it was finished.

Now all I needed was an apple and a candle. A candle made of wax, of course, and not tallow—for if tallow dripped on the apple, the apple was ruined and couldn't be eaten. But wax didn't matter—wax was kosher.

When it came to wax, I had more of it than any other kid.

In fact, if anyone wanted a bit of wax, who did he come to? Me! For after all, my father was the assistant sexton of the basement prayer-room annex of the Butchers' Synagogue—and whatever remained of the Yom Kippur memorial candles belonged to him. That was his income. He melted them and turned them into Hanuka candles, Saturday night Havdala candles, and plain wax tapers. Whatever was left over from the latter he gave to me. That was *my* income.

In short, I had everything I needed.

## 7

On the night of Shemini Atzeres I attached the flag to the stick, stuck a red apple on the tip, put a lit candle atop the apple, and then set out for the synagogue for the Torah circuits. I was in high spirits, feeling like a happy prince, an incomparable child of royalty.

און איך האב מיך געלאזט געהן, איך ווייס אליין ניט וואוהין. איך נעה און גיס און גיס מיט הייסע ביטערע טרערען. איך ברעך די הענד און בעוויין מיין פאהן, ווי מע בעוויינט א טוידטען. און איך קום צו געהן אהיים איינער אליין, אהן א פאהן, און איך פערקלויב מיך אין א ווינקעלע, און דא, אין דער פינסטער, זיץ איך, דעם

קאפ אראפ צווישען די קניהען, און ווייז שטילערהייד, קיינער זאל ניט זעהן, קיינער זאל ניט הערען, און איך פרעג ביי גאט א קשיא:

— גוואלד, גוואלד, רבונו של עולם! פאר וואס קומט דאס מיר? פאר וואס און פאר ווען?!...

. . . . . . . . . . . . . . . .

## דאס לעצטע קאפיטעל.

איהר ווייסט, קינדער, אלע מעשיות האבען א סוף און לאזען זיך אויס אדער פרייליך, אדער טרויעריג.

אידישע מעשיות לאזען זיך אויס, צום מיינסטען, טרויעריג. פארהאן ביי אונז א ווערטעל, אז א איד, ובפרט איין ארעמאן, טאר קיין הנאה ניט האבען. ס'איז א סך וועגען דעם צו רעדען; אז איהר וועט אונטערוואכסען, וועט איהר געוואהר ווערען... דערווייל בעדארף איך אייך זאגען, אז די מעשה מיט מיין פאהן האט זיך נאך ניט אויסגעלאזט דערמיט. וואס איך האב אייך דא דערצעהלט. איך האב נאך גוט, גוט צוגעקרענקט, געלעגען אין א העליש פייער, געזעהן פאר זיך משונה־מאדנע זאכען, שלאנגען און עקדישען מיט פייערדיגע צונגען און ווילדע חיות אינ'ם געשטאלט פון מענשען... איך האב געהערט משונה־מאדנע קולות פון קעץ און פון פיפער־נאטערס. איך האב זיך געווארפען, גערעדט פון היץ, געווען פאר־ביי. מע האט נישט געהאלטען פון מיין לעבען. אין אונטערשטען קלייזעל פון דער קצב'ישער קלויז האט מען שוין אפילו אפגעזאגט תהלים אויך. איך בין געווען העכער האלב אויף יענער וועלט.

נאר אזוי ווי ס'איז היינט ערב יום־טוב. און יום־טוב, בפרט שמחת־תורה, בעדארף מען זיין פרייליך, וויל איך אויסלאזען די מעשה מיט מיין פאהן אויך פרייליך.

ערשטענס, זעהט איהר, אז איך בין מיט גאט'ס הילף ניט געשטארבען.

צווייטענס, זייט וויסען, אז אויפ'ן אנדערען יאהר האב איך געהאט א פאהן נאך א שענערע, מיט א שענערען שטעקעל, מיט א שענערען עפעל, און בין דוקא געווען אין שוהל גאנץ אויבען־אן, אויף דער מזרח־באנק, מיט אלע בעלי־בתישע קינדער. די ליכט האבען געברענט. מיין פאהן האט געשיינט. אידען זענען געגאנגען מיט די הקפות. רב מלך דער חזן מיט'ן צעלאזטען טלית איז גע־גאנגען אויף צו־פריהער, ווי א גענעראל־פעלדמארשאל. ער האט זיך געציקעלט און געזונגען אויף זיין בלעכענער שטימע: „עו־זר ד־־־לים, הושיעה נא!“ ווייבלעך און מיידלעך אהן א שיעור האבען געקושט די תורות, געשפרונגען אין פנים אריין און געשריגען מיט א קוויטש: „דערלעבט איבער א יאהר! דער־לעבט איבער א יאהר!“ — „גם אתם! גם אתם!“

קינדער, גם אתם!...

## Epilogue

Jewish children must be taught

Children, you know that all stories either have sad or happy endings.

For the most part, Jewish stories have sad endings. According to one of our proverbs a Jew, especially a poor one, is not destined to have pleasure. Much can be said about this. When you grow up, you'll understand. But, meanwhile, I must tell you that the story you just heard did not end just there. That flag caused me much anguish and I took sick, burning with fever. I saw extraordinary sights—fiery-tongued dragons and serpents and wild beasts in the shape of men. I heard the wild, unnatural calls of cats and vipers. I tossed and turned, ranted deliriously, had one foot in the grave. They had no hopes for my life. In the basement prayer-room annex of the Butchers' Synagogue they even began reciting Psalms. I was at death's door.

But since today is the eve of a holiday, and on a holiday—especially on Simkhas Torah—we have to be merry and gay, I'd like to end the story of my flag on a happy note.

First of all, thank heaven, as you can see, I recovered.

Second of all, for your information, the following year my flag was even nicer, my stick more beautiful, my apple redder. In fact, I sat way up by the eastern wall with all the other rich men's children. The lights burned. My flag sparkled. Jews danced around the synagogue with the Torah. Reb Melekh the cantor, his prayer shawl outspread, led the procession like a field marshal. His metallic voice quavered as he sang out: "Hel-per of the poor and weak, sa-a-ve us!" An endless stream of women and girls pressed forward to kiss the Torah and shrilled into his face: "Live and be well till next year at this time." And Reb Melekh replied, "The same to you and yours."

Dear children—and the same to you and yours!

1900